

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' משפטים
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ו

## פראגע

### וויאזוי קען מען האבן שמחה אין עבודת ה'?

## ענטפער:

איך וועל אייך פרעגן אן אנדערע שאלה: וויאזוי קען מען האבן שמחה ווען מען גייט צו די באנק און מען לייגט אריין טויזנט דאלאר אין די אקאונט? וואס וועט ער האבן דערפון? אין איסטויש פון דעם באקומט ער אפאר טראפן טינט אינעם באנק-ביכל, און אין רוב פעלער איז דאס אלעס וואס ער וועט נאר אמאל האבן דערפון.

אבער דאך, ס'איז א פארזיכערונג, עס איז א הבטחה פאר גוטע זאכן אינעם עתיד – אפשר איין טאג וועט ער הנאה האבן דערפון. וויל איך אייך זאגן אז א מענטש וואס אינוועסטירט אין הקב"ה וועט באקומען מער ווי א טראפ טינט.

דער אויבערשטער באצאלט זיינע קנעכט אויך אויף דער וועלט. מאכט נישט קיין טעות! עס איז דא עולם הבא און דארט ווערט די קרן קיימת באצאלט. אבער עס איז נישט קיין שאלה אז די וואס דינען דעם אויבערשטן וועט ער מחזק זיין אויף דער וועלט אויך מיט א גוט לעבן.

היטן די תורה ברענגט געזונט, עס ברענגט פרנסה, עס ברענגט כבוד. איר וועט באקומען מער כבוד פאר'ן היטן די תורה.

אז איר וועט ארייננקוקן אין משלי וועט איר זען, און איר וועט פארשטיין אז עס איז אזוי. אויב איך וואלט יעצט געהאט צייט וואלט איך עס געוויזן – וויאזוי די תורה באצאלט אויף דער וועלט.

יעצט, איר דארפט זיך שטארקן אויף די פיתוי היצר. דער יצר הרע פרובירט אלץ צו זאגן פארקערט, אבער היינט איז אזוי גרינג צו זען ווי אומגליקליך זענען די וואס היטן נישט די תורה. אויף אלע זייטן זעט מען חרוב'ע מענטשן. מען זעט עלטערן אן קיין קינדער. עלטערן אן קיין קינדער זענען אומגליקליכע עלטערן, אבער היינט זענען עלטערן **מיט** קינדער אסאך מאל נאך מער אומגליקליך – אין רעזולטאט פון די פובליק-שולעס וואס פארוואנדלען קינדער צו אומדאנקבארע באשעפענישן. קינדער זענען אומדאנקבאר צו עלטערן; זיי רעספעקטירן נישט זייערע עלטערן. אסאך מאל זענען עלטערן אזוי שטארק אנטוישט פון זייערע קינדער אז זיי ווילן גארנישט האבן צו טון מיט זיי. זיי דרייען זיך אויף די גאסן. אויף אלע זייטן זענען מען היינט ווי די האפענונגען פון עלטערן ווערן צערינען.

ווען מען זעט היינט א פרוי מיט הויזן האלטנדיג א בעבי אין אירע ארעמעס, איז עס א גרויסע רחמנות. ווייל זי גייט שיקן דאס קינד אין פובליק-שולע און זי גייט ווערן ביטערליך אנטוישט אין דאס קינד. עס ווארטן היינט אפ טראגעדיעס פאר אומרעליגיעזע קינדער.

במילא דארף מען נישט אזויפיל ראיות היינט אז זייער לעבן איז א חורבן. אבער אפילו אין די אלטע צייטן, ווען מענטשן זענען נאך געווען מער אנשטענדיג, און זיי האבן געקענט ערווארטן מער נחת פון זייערע קינדער, איז דאס לעבן געווען אן אנטוישונג פאר זיי.

אבער פרומע אידן באקומען תיכף זייער שכר. שבת איז א תענוג! אויב מען האט א משפחה, א געטרייע ווייב, מען האט אן עונג שבת און עונג יום טוב. אהה!! מען לעבט צוזאמען מיט די קינדער און מען קומט זיך צוזאמען. מען גייט אין בית הכנסת און מען האט נאכדעם הנאה די גאנצע משפחה צוזאמען פון די הייליגע טעג. שבת און יום טוב איז א זעקסטל פונעם לעבן. א זעקסטל פונעם לעבן וואס מען לעבט אין אן עכטע געשמאק, בשעת מען איז נאך געווען יונג הנאה צו האבן – נישט

ווען מען איז שוין אלט און צעבראכן און מען רעטייערט צו אן איינזאמע, אפגעזונדערטע לעבן.

דער שומר תורה לעבן אין א קהלה מיט גוטע חברים, ער לעבט מיט איינגעהאלטנקייט, ער טוט נישט קיין שלעכטע זאכן וואס קען אים שעדיגן. ער באקומט נישט די מחלות וואס א נידריגע לעבן ברענגט. ברוך ה', עס איז נישט קיין שאלה אז היינט צו טאגס איז גרינג צו זען ווי די ערליכע אידן ווערן באלוינט.

מען דארף נאר אבאכט געבן פונעם יצר הרע וואס פרובירט איינצורעדן מענטשן אז אנדערע האבן א בעסערע לעבן; זיי האבן נישט קיין גוט לעבן, דאס קען איך אייך זאגן. מען דארף נישט וויסן צו סך עס צו זען.

אין ספרינג וואלי האט א יונגע פובליק-שולע מיידל געעפנט די טיר פון איר הויז אריינצולאזן צוויי באמס פון איר היי-סקול, וועלכע זאלן מסדר זיין אירע עלטערן וועלכע האבן איר צוריקגעהאלטן פון געוויסע זאכן. איז ערשטנס האבן די צוויי שקצים צעשלאגן איר טאטן צום טויט, נאכדעם האבן זיי גענומען די מאמע און איר דערטראנקען אין וואנע. דאס איז די נחת וואס די עלטערן האבן געהאט פון איר. דאס איז די נחת פון פובליק-שולע קינדער.

אדער דער ביזנעס-מאגנאט וועמענ'ס 14 יעריגער זון איז געקומען מיט א רעוואלווער און געשאסן זיין טאטע צום טויט כדי צו ירש'ענען תיכף די גאנצע געלט. אויף אלע זייטן איז עס אזוי. פארדארבענע קינדער ברענגען צרות אויף זייערע עלטערן.

דא איז א רוסישע מיידל וואס האט צעשלאגן איר טאטע צום טויט. זי האט געהארגעט איר טאטע. אודאי איז זי נאכדעם געווארן פרייגעשפראכן דורך א ריכטערין וואס האט געגלייבט אלעס וואס די טאכטער האט דערציילט קעגן איר טאטע – עס איז נישט געווען קיין ראיות – און זי איז געלאזט געווארן פריי.

און דעריבער היינט צו טאגס, ברוך ה', דארפן מיר נישט קוקן ווייט; מיר קענען קוקן און זען וואס געשעט צווישן די פרייע. עס איז דא אומצאליגע מעשיות! איך באקום כסדר טעלעפאן קאלס. דא איז דא א פרוי וואס האט געזאגט פאר איר מאן, "אלעמאל ווען איך גיי צו קינג'ס פלאזא, איז דא אן איטאליענער מאן וואס קומט רעדן צו מיר. איך קען נישט פטור ווערן פון אים." דער מאן רופט מיך אן – ער איז אומרעליגיעז, אבער ער רופט מיר. איינער האט אים געגעבן מיין נומבער. "וואס זאל איך טון?" פרעגט ער.

איך האב אים געזאגט "זאג איר זי זאלן אויפהערן גיין צו קינג'ס פלאזא!"

אבער איך האב תיכף פארשטאנען וואס עס גייט פאר. איך האב טאקע צום סוף אויסגעפונען אז ס'איז נישט קינג'ס פלאזא, ער וואוינט די נעקסטע טיר פון איר. ער איז אן איטאליענער בחור און דער מאן ווייסט אז עס טויג נישט. דאס איז די נחת פון די פרייע אידן – און עס איז אויך דא צווישן די מאדערן-ארטאדאקסישע. עס איז א רואינירטע לעבן. עס איז גרינג צו זען.

אלזא, ווען איר דינט דעם אויבערשטן מאכט איר די בעסטע אינוועסמענט. די מערסט זעלבסטזיכטיגע (Selfish) זאך וואס איר קענט טון איז צו זיין א פרומער איד. און נאכדעם וואס מען ענדיגט דעם גוטן לעבן אויף דער וועלט קומט הערשט דאס ריכטיגע, הקרן קיימת לעולם הבא.

וויאזוי קען א איד נישט זיין בשמחה? ווען מען טוט אן תפילין דארף מען זיך פרייען כאטש ווי ווען מען הייבט אויף א הונדערטער אויפ'ן גאס. איך ווייס איר זענט א רייכער מענטש, אבער איר וועט זיך נאך אלץ אראפבייגן פאר א הונדערטער. ניין? און איר וועט זיך פרייען. איר וועט לאכן אויפ'ן קול!

איז ווען מען טוט אן תפילין, ווען מען שאקלט דעם לולב, מען לייגט ארויף א מזוזה, מען זאגט ברכת המזון, מען היט שבת, מען טוט אלעס וואס שטייט אין די תורה. אלעס איז אן אינוועסמענט. א אידישע משפחה וואו מען היט אלע הלכות טהרה, דאס איז די בעסטע אינוועסמענט. איר ווערט רייכער פון טאג צו טאג סיי אויף דער וועלט, און די קרן בלייבט איבער צו געניסן אויף יענער וועלט. (583)

## פראגע

**וואס איז די ריכטיגע וועג צו קענען משפיע זיין אויף אנדערע מענטשן?**

## ענטפער:

הערט זיך איין צו שלמה המלך, דער קלוגסטער פון אלע משפיעים. זאג אים אז **מוסר איז גוט פאר עולם הזה**, מוסר ברענגט צו גליקליכקייט דא אויף דער וועלט, און דאס איז דער אמת. די גרעסטע טעות איז ווען מענטשן מיינען אז מוסר איז

פאר עולם הבא, אודאי איז עס אויך פאר עולם הבא, קיין שום פראגע נישט. אבער אויב מען וויל לעבן גליקליך אויף דער וועלט, דארף מען לערנען מוסר.

אויב מען וויל זיך קענען דורכקומען מיט מענטשן, דארף מען לערנען מוסר. און אויב מען קען זיך נישט דורכקומען מיט מענטשן איז מען נישט צופרידן. אויב מען וויל זיך קענען דורכקומען מיט זיך אליינס, דארף מען לערנען מוסר, אז נישט וועט מען נישט זיין צופרידן.

שלמה המלך נוצט כסדר **עולם הזה**; ס'איז נישט קיין טריק דיך אריינצונארן צו מוסר, ער זאגט דיר דעם **אמת**. ער זאגט, אויב ביזטו פויל וועסטו נישט האבן קיין פרנסה. מענטשן פאלן אריין אין פראבלעמען ווייל זיי ארבעטן נישט. שלמה המלך רעדט נאכאנאנד ווי וויכטיג עס איז צו ארבעטן; ער זאגט מוסר אויף ארבעט.

**"עובד אדמתו ישבע לחם"** (משלי יב יא) – דער וואס באארבעט זיין פעלד וועט זאט ווערן פון ברויט; **"מעט שנות, מעט תנומות... ובא כמהלך ראשך"** (משלי ו י-יא) – אביסל שלאפן דא, אביסל דרימלען דארט, און די ארימקייט קומט צו גיין ביז עס נעמט דיר איבער. ער ווארנט כסדר וועגן עולם הזה. ער ווארנט אונז קעגן עצלות, ער ווארנט אונז קעגן זיך קריגן מיט מענטשן; קיינמאל נישט צוריקענטפערן יענעם, נאר מיט אן איידעלן טאן. וויפיל גיטין וואלטן געקענט פארמיטן ווערן אויב מענטשן וואלטן איסגעהערט וואס שלמה המלך האט צו זאגן.

**"מענה רך משיב חימה"** (משלי טו, א) – א ווייכע ענטפער דרייט אוועק צארן. אהה! א וואונדערבארע עצה! מען דארף עס אבער לערנען. נישט נאר דארף מען עס זאגן, מען דארף עס פראקטיצירן. א ווייכע ענטפער פארקירעוועט צארן. דו קומסט אריין צו די באנק'ס וויצע פרעזידענט, דו קאכסט פאר כעס; ער איז אבער טרענירט צו רעדן רואיג צו דיר; ער וויל קאסטומערס. גיי אבער צום רייניגער פון די באנק און הייב זיך אן טענה'ן מיט אים, ער שרייט צוריק! וועגן דעם איז ער א רייניגער.

אויב איר ווילט הצלחה אין לעבן דארפט איר לערנען משלי. משלי לערנט אויס וויאזוי צו זיין א מענטש, וויאזוי צו מאכן מענטשן זאלן דיר גלייכן, וויאזוי צו מאכן פריינד און האבן א השפעה אויף די וועלט. מיינט נישט אז משלי איז נאר וועגן עולם הבא, ס'איז א גרויסע טעות. עס איז טאקע עולם הבא, אבער עולם הבא איז א רעפליקע פון עולם הזה.

דער יסוד איז, גוטע עצות פאר א מוצלח'דיגע לעבן איז די עיקר פון מוסר.

### פראגע

## איז מעגליך אז איין טאג וועלן מענטשן וואוינען אויף די לבנה?

### ענטפער:

דער מענטש פרעגט מיר מיין 'פראפעסיאנאלע' מיינונג, צי איך האלט אז ס'איז מעגליך צו וואוינען אויף די לבנה?

יא, ס'איז מעגליך. אבער עס גייט קאסטן זייער טייער צו וואוינען אויף די לבנה. מען וועט דארפן אהערשטעלן אן אייגענע קלימאט אין די אייגענע הויז, און אודאי וועט מען דארפן צאלן זייער טייער דאס צו מאכן.

### פראגע

## וועט מען דארפן מאכן קידוש לבנה, אויב מ'וואוינט אויף די לבנה?

### ענטפער:

ניין. אויב מ'וואוינט אויף די לבנה וועט נישט זיין קיין קידוש לבנה, דארפסט דיך גארנישט זארגן דערוועגן... קידוש לבנה איז א מצוה ווען מען זעט די לבנה בחידושה. דאס מיינט אז ס'איז א מצוה צו זאגן א ברכה ווען מ'זעט די לבנה ווערט באנייט. אבער אויב מ'זעט נישט די לבנה בחידושה איז מען פטור. דארפסט דיך גארנישט זארגן... (סעיף 19#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעצט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעכאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב